בס"ד
שבת מברכים אב | ר"ח יום שבת קודש | המולד יום שישי 10:42 | 5 חלק'
שבת מברכים

# דער בלעטל טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**פינחס**
**כ"ג תמוז תשפ"ה**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:09 |
| מוצש"ק | 8:26 |
| ר"ת | 9:01 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:22 | סוז"ת א' | 9:50 |
| סוזק"ש ב' | 9:13 | סוז"ת ב' | 10:24 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קמ"ג
שנה ג'

## טיב הפרשה

# ובני קרח לא מתו

## די כח פון א הירהור תשובה

אין די וואכענדיגע פרשה דערציילט די תוה"ק אז נאך דעם וואס עס האט אויסגעבראכן א מגיפה ביים כלל ישראל, האט הקב"ה געהייסן אז מ'זאל ציילן דעם כלל ישראל.

אין די פרשה זעט מען טאקע ווי מען האט געציילט כלל ישראל, און צווישן די ציילונג ווערט אויך דערמאנט שבט לוי און די קינדער פון קהת און די משפחה פון קרח.

די תוה"ק אויפ'ן ארט צייכנט צו אז די קינדער פון קרח זענען נישט געשטארבן און ווי רש"י אויפ'ן ארט זאגט אז אפילו זיי זענען געווען בעצה תחילה אבער ווייל אין די לעצטע רגע האבן זיי געהאט א הירהור תשובה, וועגן דעם האט מען געמאכט פאר זיי אן ארט אין גיהנם, וואו זיי זיצן דארט אגאנצער צייט.

די רש"י איז א מורא'דיגע לימוד! מען קען זיך פארשטעלן אז ווען די מחלוקת האט געברענט זענען די קינדער פון קרח געווען שטארק פארמישט אין די מחלוקת.

אויך ווען מען האט געשטראפט די קינדער פון קרח זיי זענען נענש געווארן, אבער ווייל אין די לעצטע רגע האבן זיי געהאט א הירהור תשובה, זענען זיי ניצול געווארן.

די ווערטער פון חז"ל לערנט אונז אויס דער כח פון א הירהור תשובה, אבער מען קען ארויסנעמען דערפון נאך א דערהער.

אסאך מאל טראכט צו זיך א מענטש אז ער האט שוין געשפעטיגט, אז די מעשה איז שוין געשען און ער קען עס נישט טוישן, ער וועהלט אויס צו בלייבן מיט די אלטע מחשבה ביז צו די לעצטע רגע, אבער דא זעט מען אז דאס איז נישט קיין ריכטיגע צוגאנג צו א זאך, אז עס איז קיינמאל נישט צי שפעט, אז אויך אין די סאמע לעצטע רגע, אויב מען האט א הירהור תשובה, קען מען נאך אלעס ארומטוישן, און אפילו אז די מעשה אליין קען מען שוין נישט טוישן האט עס א חשיבות
אין הימל און דורך איר ווערט

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# זְרִיזִין מַקְדִּימִין

ווען דער הייליגער בעלזער רב, הרה"ק רבי אהרן זי"ע, איז ארויפגעקומען קיין ארץ הקודש און האט זיך באזעצט אין ירושלים עיר הקודש, האט ער זיך אין אנהייב אויפגעהאלטן אינעם הויז פון הרה"ח רבי יצחק שיינבערגער ז"ל, ביז מען האט אים מסדר געווען זיין וואוינונג אינעם "קטמון" געגנט, דארט ביי ר' יצחק האט דער רבי מיטגענומען מיט זיך עטליכע חפצים.

צווישן די חפצים וואס דער הייליגער צדיק האט פארמאגט, איז געווען א געוויסער חפץ וואס ער האט גע'ירש'נט פון זיינע הייליגע עלטערן, און דאס איז געווען זייער באליבט ביי אים. ווען דער הייליגער בעלזער רב האט זיך אריבערגעצויגן קיין קטמון, האט דער גבאי צוזאמגעפאקט די חפצים פונעם רבי'ן, אבער יענער חפץ איז פארגעסן געווארן אינעם הויז פון רבי יצחק. דאס איז געווען אום ערב שבת, דעריבער האט רבי יצחק געפלאנט אז גלייך אום זונטיג וועט ער פארן קיין קטמון און עס איבערגעבן פארן רבי'ן.

זונטיג אינדערפרי האט רבי יצחק געדאווענט ווי זיין שטייגער ביי 'ותיקין', און דערנאך האט ער זיך געוואנדן צום נייעם וואוינונג פונעם רבי'ן. אנקומענדיג דארט, האט ער געבעטן דער גבאי אז ער וויל אריינגיין צום רבי'ן אֶל הַקֹּדֶשׁ פְּנִימָה, כדי צוריקצוגעבן די אבידה, אבער דער גבאי האט אפגעזאגט און ערקלערט אז דער רבי האט נאכנישט געדאווענט, און ער נעמט נישט אויף קיין מענטשן פארן דאווענען. פונדעסטוועגן האט רבי יצחק געבעטן פונעם גבאי, אז ער זאל אריינגיין צום רבי'ן, און אים זאגן אז ר' יצחק איזאנגעקומען און ער וויל אריינגיין.

דער גבאי איז אריינגעגאנגען און איבערגעגעבן די ווערטער פארן רבי'ן. ווען דער רבי האט דאס געהערט, האט ער געזאגט אז אלץ א צייכן פון הכרת הטוב זאל מען אריינלאזן רבי יצחק. ר' יצחק איז אריינגעקומען מיטן חפץ אין האנט, און דער רבי האט זיך געפריידט זעענדיג אז דער חפץ האט זיך צוריקגעקערט צו אים, און געפרעגט רבי יצחק צי ער האט שוין געדאווענט, און ר' יצחק האט געענטפערט אז ער פירט זיך שטענדיג צו דאווענען ביי ותיקין.

ווען דער רבי האט געהערט אז ר' יצחק איז מדקדק צו דאווענען כותיקין, האט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך אנגעטון דעם גארטל (אזוי האט ער זיך געפירט ווען ער האט געוואלט עפעס נאכזאגן אין נאמען פון זיינע הייליגע אבות) און געזאגט: אזוי האב איך מקובל מִבֵּית אַבָּא, אז אויב וואלטן אידן געהיטן די זְמַנֵּי הַהֲלָכָה אזוי ווי עס דארף צו זיין, וואלט מען שוין לאנג אויסגעלייזט געווארן. און דער רבי האט צוגעגעבן: איך בין אבער נישט אימשטאנד צו שטיין אין דעם, וויבאלד דער רשע (מיינענדיג דער דייטש ימ"ש) האט צושטערט מיינע סדרים. איך האב אבער הנאה צו זען א איד וועלכער לעבט מיט זמנים.

ביז אהער די מעשה.

אין די פרשה פון די וואך, נאכדעם וואס די פסוקים רעכענען אויס די קרבנות פון די ימים טובים, שטייט אין פסוק: אֵלֶּה תַּעֲשׂוּ לַה' בְּמוֹעֲדֵיכֶם לְבַד מִנִּדְרֵיכֶם וגו', און רש"י איז מפרש, אז דער פסוק מיינט צו זאגן, אז אויב איינער האט געמאכט א נדר צו ברענגען א קרבן, ווען ער איז נאך געווען אין ירושלים, האט ער א מצוה דאס גלייך צו מקדיש זיין און מקריב זיין, כדי ער זאל נישט געשטרויכלט ווערן מיט "בַּל תְּאַחֵר". און אויך ביי די תפילות, וועלכע זענען דאך אויפן פלאץ פון די קרבנות, איז פאסיג אז מען זאל זיך צואיילן דערצו, טאמער מ'וועט חלילה נכשל ווערן אין בל תאחר.

הגאון רבי יהונתן אייבשיץ זצ"ל שרייבט אין זיין ספר אהבת יהונתן, אז וויבאלד עס איז באוואוסט אז זְרִיזִין מַקְדִּימִין לְמִצְוֹת, דעריבער זאל מען דאווענען די תפילה פון מעריב גלייך ביים זמן פון צאת הכוכבים, ווייל אזוי ווי ביי די תפילה פון שחרית האט מען געזאגט אז מען זאל בעסער דאווענען גלייך ביים נץ החמה, אזוי אויך ביי די תפילה פון מעריב זאל מען דאווענען גלייך ביים צאת הכוכבים.

(עפ"י טיב התורה – פנחס)

טיב ההודעות

**מען קען הערן שמועס'ן און דרשות**
**פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער**
**אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320**

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

מען ניצול מִדִינָהּ שֶׁל גֵיהִנֹם.

די נקודה וואס רש"י ברענגט אראפ פון די גמרא אין סנהדרין איז א לימוד אויפ'ן גאנצן לעבן. עס לערנט אויס דער מענטש א דרך אין עבודת ה', ווי אזוי ער זאל אנקוקן א קליינע הירהור, א רגע פון דעם טאג.

עס טרעפט זיך אסאך מאל אז א מענטש ווערט מיואש פון זיין טאג, עס גייט דורך שעה'ן אויף שעה'ן און ער בטל'ט עס אפ מיט נארישקייטן אדער אפילו מיט איכות'דיגע זאכן און עס קומט סוף טאג און דער איד קוקט צוריק אויפ'ן טאג און ווערט זייער צעקלאפט פון דעם, ער שפירט אז ער האט גארנישט דערגאנגען, אבער אין די זעלבע צייט קומט צו גיין דער יצר'ל און רעדט אים צו אז די היינטיגע טאג איז שוין א פארפאלענער, אז ער זאל שוין נישט האפן אויף היינט, אז מארגן וועט זיין גוט, אבער היינט איז שוין פארגאנגען.

דער מענטש לאזט זיך איבערעדן פון אים. ער גלייבט אים געוויסע. ער זעט טאקע אז די טאג איז אריבער מיט גארנישט אבער דאס איז א טעות גמור! מען דארף וויסן אז יעדע קליינע הירהור טוב, אפילו א ברעקעלע לערנען איז אויך חשוב און איר חשיבות האט נישט קיין שאצונג.

אז ער זוכט א באוויז דערצו האט ער עס פון די 'בני קרח', אז אין א רגע כמימרא, נאך דעם וואס די מעשה איז שוין געווען א מעשה - האבן זיי זיך מציל געווען, און נאר אדאנק די האלבע סעקונדע זענען זיי ניצול געווארן פון גיהנם.

די מעשה איז א לימוד בכללות, אבער עס איז אויך א דערמאנער פאר'ן מענטש ווי אזוי זיין כללות'דיגע בליק אויפ'ן לעבן דארף זיין.

די לעבן האט א נאטור אז עס מאכט פארגעסן פון דעם מענטש דער בליק ווי אזוי ער דארף אנקוקן דאס לעבן.

א מענטש וועט אייביג מעסטן זיין לעבן לויט זיינע הצלחה'ס, און לויט וויפיל ער זעט אז ער קען מצליח זיין, אבער דאס איז א טעות! ווייל דער מענטש אויף די וועלט איז נישט געקומען אויסצופירן זיין פערזענליכע תכלית, די פליכט וואס ער האט אויף די וועלט איז אויסצופירן רצון ה' און ער דארף זיך בייגן צום רצון ה'.

אזוי לאנג ווי ער ווייסט און טראכט ביי זיך אז ער קען מיט דעם מקיים זיין דער רצון ה', זאל ער עס טון, און דאס דינט אויך אויף א חיזוק פאר א מענטש - ווייל קיין איינער פון אונז ווייסט נישט וואס איז באמת דער רצון ה' און וועלכע התגברות ברענגט אריין הנאה פאר הקב"ה.

מען דערציילט אז אין די עלטערע יארן פון דעם הייליגער חפץ חיים זי"ע האט ער גע'חזר'ט פשוט'ע הלכות און געזאגט פסוקי התורה.

ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער טוט עס, האט ער געזאגט אז אין די עלטערע יארן איז אים שווער דאס לערנען און זיך מעמיק זיין אין די תורה, אבער ער איז נאך אלץ מחוייב מיט די מצוה פון לימוד התורה, און אז ער קען נישט לערנען טיפע ענינים - זאל ער כאטש לערנען גרינגע זאכן.

דער חפץ חיים האט געשאצט ביי זיך אז וואס ער קען - טוט ער, אז אויב ער קען לערנען שוואכע זאכן - וועט ער לערנען שוואכע זאכן, ווען דער עיקר דָּגֵשׁ איז נישט ארומצוגיין ליידיג, און ממלא זיין דעם רצון הבורא אין יעדע איינציגסטע רגע.

די בחינה זעט מען אויך ביי די דערמאנטע 'בני קרח', אז נאך דעם וואס זיי זענען געווארן אריינגעשלעפט אין אזא ביטערע מעשה, האבן זיי זיך געכאפט און חרטה געהאט און זיך צוריקגעקערט צו טראכטן פון די אמת'ע פליכטן וואס זיי האבן אויף די וועלט.

אין די רגע אז זיי האבן דערגרייכט די מסקנא האבן זיי אנגעהויבן טון הלכה למעשה, און דאס האט זיי מציל געווען.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זיך אייביג קענען דערהאלטן אין עבודת ה', און געדענקען די נקודה אז מיר זענען עובדי ה', און חזר'ן אונזער פליכט וואס מיר האבן אויף די וועלט, און דאס וועט אונז צוברענגען אז מיר זאלן קענען אנקומען צו אונזער אמת'ע שלימות בזה ובבא.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

# 'פרנסה' דורך א 'טעות'

מיר ווייסן אז יעדע זאך וואס פירט זיך איז בהשגחה פרטיות.

א מענטש קען אמאל מיינען אז נאר וואס עס פירט זיך דירעקט איז בהשגחה, אבער מן השמים האט מען מיר מזכה געווען אז איך זאל זען אז אויך א זאך וואס געשעט פערצופאל אדער 'בטעות' איז אויך בהשגחה מלאה.

מעשה שהיה אז פאר א לאנגער צייט בין איך געווען ארבעטסלאז, איך האב נישט געהאט קיין ארבעט און נישט קיין מיטלוועג ווי אזוי אריינצוברענגען פרנסה אין שטוב אריין.

דער מצב איז געווארן שווער, איך האב אסאך געדאווענט און געבעטן אין די טעג, אבער די ישועה האט זיך געזוימט.

אין יענע טעג האב איך געטראכט ווער קען מיר העלפן, און איך האב זיך דערמאנט פון א חבר מיינער וואס קען אסאך מענטשן און האט אסאך פארבינדונגען מיט מענטשן, און איך האב געטראכט אז אפשר קען ער מיר זיין בייהילפיג.

איך האב זיך פארבינדן מיט אים, איך האב געזאגט אז דא רעדט דער און דער און איך זוך ארבעט, איך האב נישט קיין ארבעט.

איך האב נאך געהאלטן אין אנהייב פון מיין שמועס און איך האב זיך געכאפט אז איך האב פארטוישט די נומערן, איך האב געוואלט רופן איין חבר, אבער למעשה האב איך גערופן א צווייטן איד.

נארמאלערהייט וואלט איך גלייך געדארפט ענדיגן דא דעם שמועס און זיך אנטשולדיגן פאר יענעם און אים זאגן אז בעצם..., אבער איך האב באשלאסן אז איך גיי ווייטער שפינען דעם שמועס ווי גארנישט וואלט נישט געווען.

איך האב געענדיגט די געשפרעך, מיר האבן זיך געשיידט און איך האב עס ארויסגעווארפן פון קאפ טראכטנדיג אז פון דא וועט זיכער נישט קומען די ישועה.

עס גייט אריבער עטליכע שעה און דער איד רופט מיר צוריק.

"דו האסט מיר היינט געקלינגען וועגן ארבעט".

איך האב עס באשטעטיגט.

"איך האב פאר דיר א גוטן דזשאב".

דער איד האט פארגעלייגט זיין פארשלאג, און איך האב זיך פארבינדן צו יענעם און עס איז געווען א צוגעפאסטער ארבעט פאר מיר.

איך האב געזען אז די השגחה פרטית איז דא אויך ווען א זאך זעט אויס ווי א טעות - ווייל אלעס פירט זיך פון הימל.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: נ.ה.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל

**"וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה" (תהלים קו, ל).**

זאגט די הייליגע גמרא אין מסכת **ברכות** (ו; כו:): "אֵין עֲמִידָה אֶלָּא תְּפִלָּה, שֶׁנֶּאֱמַר וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל". זעען מיר פון דא, אז פינחס איז געשטאנען און האט מתפלל געווען פאר כלל ישראל, און דורכדעם האט זיך די מגיפה אפגעשטעלט.

און אין ספר **אור זרוע** (ח"א הלכות תפילה סי' קה) ווערט געפרעגט, אז עס איז דא א סתירה אין די גמרא, ווייל מיר זעען אין די הייליגע גמרא אין מסכת **סנהדרין** (מד. פב:): "אָמַר **רַבִּי אֶלְעָזָר**, 'וַיִּתְפַּלֵּל' לֹא נֶאֱמַר, אֶלָּא 'וַיְפַלֵּל', מְלַמֵּד [כִּבְיָכוֹל] שֶׁעָשָׂה פְּלִילוֹת [זע רש"י] עִם קוֹנוֹ וכו'. בִּקְשׁוּ מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת לְדָחֲפוֹ, אָמַר לָהֶן, הַנִּיחוּ לוֹ, קַנַּאי בֶּן קַנַּאי הוּא, מֵשִׁיב חֵמָה בֶּן מֵשִׁיב חֵמָה הוּא".

פון די ווערטער פון די הייליגע חז"ל אין די סוגיא זעען מיר, אז ער האט דא בכלל נישט מתפלל געווען, נאר ער האט געטון 'פלילות' מיטן באשעפער. און אויב ווען מיר מפרש זיין אז אט די 'פלילות' מיינט אז ער האט געדאווענט, אויב אזוי, פארוואס האבן די מלאכי השרת אים געוואלט אוועקשטופן ווען אלעס וואס ער טוט איז נאר אז ער שטייט און איז מתפלל פארן הייליגן באשעפער? און זע דארט אז ער לאזט עס אלץ א קשיא, און ער פירט אויס לויט די ווערטער פונעם ספר **הערוך** (ערך פ"ל) אז פלילות איז נישט קיין לשון פון תפילה, זע דארט.

אבער פון די אנדערע זייט, געפינען מיר אין די סוגיא אין מסכת **חולין** (קלד:) אז פארן שכר פון די תפילה פון פינחס האבן די כהנים זוכה געווען צו די מתנה פון 'לְחָיַיִם', זע דארט. און דארט זעט מען קלאר, אז פינחס האט געדאווענט, אנדערש ווי די מסקנא פון דער אור זרוע, און די קשיא ווערט צוריקגעשטעלט אויפן פלאץ.

און אייגנטליך טרעפן מיר דער לשון **'פלילות'** ביי תפילה, דאס איז ביי **רָחֵל אִמֵּנוּ ע"ה** וועלכע האט געזאגט ביים געבורט פון **נפתלי** (בראשית ל, ח): "נַפְתּוּלֵי אֱלֹקִים **נִפְתַּלְתִּי** וגו'", און דאס איז א לשון פון תפילה. אזוי ווי עס שטייט דארט אינעם **תרגום יונתן**: "מְדַחֲקָא דְחִיקִית קֳדָם ד' בִּצְלוֹ". און אזוי איז אויך שיטת **רש"י** דארט אויפן פלאץ, וזה לשון קדשו: "אֲנִי מְפָרְשׁוֹ לָשׁוֹן 'עִקֵּשׁ וּפְתַלְתֹּל', נִתְעַקַּשְׁתִּי וְהִפְצַרְתִּי פְּצִירוֹת וְנִפְתּוּלִים הַרְבֵּה לַמָּקוֹם". [זע 'דעת אונקלוס' דארט אויפן פלאץ און אין רש"י דארט, איבער זיין שיטה].

פון דא לערנען מיר ארויס די בחינה פון **'תְּפִלַּת פְּתַלְתֹּל'**, וואס עס ווערט געזאגט מיט עַקְשָׁנוּת דִּקְדֻשָּׁה, 'נִתְעַקַּשְׁתִּי וְהִפְצַרְתִּי פְּצִירוֹת וְנִפְתּוּלִים הַרְבֵּה', אזוי ווי דער תרגום יונתן זאגט 'מְדַחֲקָא דְחִיקִית'.

לויט דעם אלעם ווערט זייער געשמאק פארענטפערט די קשיא פון דער אור זרוע, ווייל פינחס האט טאקע געטון 'פלילות' מיטן אויבערשטן לויטן סדר פון א **'תְּפִלַּת פְּתַלְתֹּל'**, אזוי ווי רש"י האט מפרש געווען ביי די תפילה פון רָחֵל אִמֵּנוּ ע"ה: "נִתְעַקַּשְׁתִּי וְהִפְצַרְתִּי פְּצִירוֹת וְנִפְתּוּלִים הַרְבֵּה לַמָּקוֹם". אזוי האט אויך פינחס געטון ביי זיין תפילה, אז ער האט זיך געשטופט און האט זיך געווארפן און געשריגן מיט 'פלילות' פארן אויבערשטן, און נאר דורכן כח פון אט דעם **'תְּפִלַּת פְּתַלְתֹּל'**, האט זיך אויפגעהערט די שווערע מגיפה.

ווייל צומאל, אינדערצייט פון א שווערע גזירה, רחמנא ליצלן, דארפן מיר אנקומען צו א **'תְּפִלַּת פְּתַלְתֹּל'** מיט 'פלילות' און 'נפתולים', ביז דער אויבערשטער וועט רחמנות האבן און די גזירה וועט בטל ווערן, אזוי ווי רחל אמנו און פינחס זענען געהאלפן געווארן דורך אט די סארט תפילה.

און אין אמת'ן האבן די מלאכי השרת אים געוואלט אוועקשטופן פון פארן אויבערשטן, ווייבאלד אזא סארט תפילה איז **בְּדֶרֶךְ עִקֵּשׁ וּפְתַלְתֹּל**, מיט אן **עַקְשָׁנוּת** און אן **עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה**. – נאר, דער אויבערשטער האט **מליץ** געווען אויף אים און האט הנאה געהאט פון זיין שטייגער פון דאווענען, אזוי ווי די הייליגע חז"ל זאגן: "הַנִּיחוּ לוֹ, קַנַּאי בֶּן קַנַּאי הוּא, מֵשִׁיב חֵמָה בֶּן מֵשִׁיב חֵמָה הוּא". קומט אויס אז די קשיא פונעם הייליגן אור זרוע ווערט גוט פארענטפערט, און עס איז נישטא קיין סתירה צווישן די סוגיות ווי ערקלערט.

***

צום הייליגן **אפטער רב**, הרב הקדוש **רבי אברהם יהושע העשיל** בעל **'אוהב ישראל' זצוק"ל** איז אמאל אנגעקומען א שמועה, אז אין איינע פון די שטעט אינעם געגנט וואס איז אונטער זיין הנהגה, געפינט זיך א פשוטער קרעטשמער, אן עַמְּךָ איד, וועלכער איז באקאנט געווארן אינעם גאנצן געגנט אלץ א בעל מופת, וואס אלע זיינע ברכות ווערן מקוים. ווי דער שטייגער פון אזעלכע סארטן שמועות, איז **חַבְרָךְ חַבְרָא אִית לֵיהּ**... און זייער שנעל איז זיין נאמען פארשפרייט געווארן אויף אלע זייטן, און פילע מענטשן פלעגן קומען צו אים, בעטנדיג פארשידענע ישועות און רפואות.

אינעם זעלבן תקופה, האבן די גדולי ישראל זייער מורא געהאט פון אזעלכע ערשיינונגען. דאס איז געווען נאכדעם וואס דער כַּת פון דער 'שבתי צבי' שר"י האט אוועקגעריסן פילע פון אחינו בית ישראל פון די ריינע אמונה, לאזנדיג זיך שלעפן דורך די גייסט פונעם פאלשן משיח און די כישוף-שטיק וואס ער האט געטון דורך די כוחות הטומאה און די סטרא אחרא, רחמנא ליצלן. דעריבער, יעדן מאל וואס א פשוט'ער מענטש האט זיך אנטפלעקט, און באוויזן וואונדערליכע זאכן, טראצדעם וואס ער איז נישט געווען פון די צדיקי הדור, האט מען אים נאכגעקוקט מיט **שבע בדיקות וחקירות** טאמער ער איז חלילה א מין, און זיכערמאכן צי אידישע קינדער קענען געניסן פון זיינע ברכות.

אין א געלעגנהייט, ווען דער הייליגער אפטער רב האט געדארפט אנקומען צו יענע שטאט, האט ער געוואלט באזוכן ביי יענער איד אינדערהיים כדי אים נאכצוקוקן, און נאכפארשן פון וואו קומען זיינע ברכות, צי עס איז מצד הקדושה, אדער חלילה פארקערט.

דעריבער, ווען ער איז אנגעקומען דארט אין שטאט, האט ער געבעטן אז ער וויל איינשטיין ביים גאסטהויז פון יענער איד, כדי ער זאל אים נאכקוקן פון דער נאנט. – דער איד האט זיך זייער שטארק געפריידט ארייננצונעמען דעם גרויסן צדיק וועלכער איז געווען דער רב פונעם גאנצן אומגעגנט [מחוז/סביבה], און ער האט אים אריינגענומען אינעם שענסטן און בעסטן צימער, פאר די גאנצע צייט וואס ער וועט זיך געפינען דארט אין שטאט.

צום גרויסן וואונדער פונעם רבי'ן, וויפיל ער האט נאר פראבירט נאכצופארשן דעם אינערליכן אינהאלט פונעם בעל הבית, און פראבירן פארשטיין פון וואו ער נעמט זיין כח און צו אנטפלעקן זיין סוד, איז עס איז נישט געלונגען... ער האט נישט געפינען ביי אים קיין שום ספעציעלע 'גדלות', נישט מצד הקדושה, און אויך נישט מצד הטומאה... ער האט אויסגעזען א געווענליכער מענטש, וועלכער האט געלעבט און זיך אויפגעפירט אזוי ווי אלע אנדערע מענטשן, א גַּבְרָא בְּגוּבְרִין... – במשך דעם טאג איז ער געשטאנען אינעם קרעטשמע און ערליך באדינט זיינע קליענטן, און אינצווישן קומען אריין אידן מיט פארשידענע בקשות, און ער בענטשט יעדן איינעם בסבר פנים יפות, אזוי אינמיטן זיין ארבעט.

קיין גרויסער תלמיד חכם איז ער נישט געווען דער קרעטשמער... אבער זיין געזיכט האט עדות געזאגט אויף אים אז ער פארמאגט יראת שמים לויט זיינע ידיעות און פארשטאנד. ער האט מקפיד געווען אויף **'תפילה בציבור'** דריי מאל אין טאג, אויך האט ער אכטונג געגעבן אויף שמירת המצוות, און צו עסן מיט א ברכה, א.א.וו.

נאך עטליכע טעג וואס דער צדיק האט אים נאכגעקוקט, איז אים קלאר געווארן אז דא שטייט פאר אים א תמימות'דיגער איד, וואס כאטש ער איז א פשוט'ער מענטש איז ער א ירא אלקים, און עס זעט בכלל נישט אויס אז ער שעפט דער כח פון זיינע ברכות פון כישוף חלילה א.ד.ג. – דעריבער איז נאר גרעסער און שטערקער געווארן דער וואונדער, וועלנדיג פארשטיין וויאזוי איז מעגליך אז א פשוט'ער איד זאל האבן די געוואלדיגע מדריגה, אז אלעס וואס קומט ארויס פון זיין מויל, געבנדיג ברכות פאר אידישע קינדער, ווערט מקוים אויף א וואונדערליכן שטייגער?

נישט האבנדיג קיין אנדער ברירה, האט דער רבי באשלאסן אז ער וועט שטעלן די פראגע פארן בעל הבית בכבודו ובעצמו...

הערנדיג די פראגע פונעם הייליגן צדיק וועלכער איז געווען דער מרא דאתרא, האט דער קרעטשמער נישט געהאט קיין ברירה, און האט געמוזט עפענען זיין מויל און אנטפלעקן דעם סוד, וויאזוי ער האט זוכה געווען צו אט די וואונדערליכע סגולה.

דער איד האט זיך גענומען דערציילן:

איך בין א פשוט'ער איד פון אייביג אן, ביז צום היינטיגן טאג. עס איז שוין אסאך יארן וואס איך פיר אן מיטן גאסטהויז, וועלכער איז דורכגעגאנגען פארשידענע צייטן, בעסערע און שוואכערע... אין איינס פון די יארן איז געווען זייער א שווערער ווינטער, א הויכע שניי האט באדעקט דעם גאנצן סביבה פאר לאנגע וואכן און חדשים, און עס זענען כמעט נישט אנגעקומען קיין געסט אהער. אט איז אנגעקומען דער צייט צו באצאלן די ארענדע געלט פארן פריץ פאר נאך א יאר, אבער צום באדויערן האב איך נישט געהאט אפילו אן איינציגע פרוטה כדי ווייטער צו נוצן דאס ארט. דאס ביסל געלט וואס איז נאך געווען אין הויז האט זיך שוין געענדיגט, צוליב די הוצאות פון אויסהאלטן דעם גאסטהויז און די אויסגאבן פון די משפחה.

מיין ווייב האט מיר דעריבער געגעבן אן עצה, אז איך זאל גיין און זיך אויסזוכן א שותף צום געשעפט, וועלכער וועט יעצט קענען משקיע זיין די געלט וואס מען דארף צאלן פארן פריץ, און דורכן יאר וועט מען אראפרעכענען מיין טייל פון די פארדינסטן וואס מיר וועלן צוטיילן צווישן אונז.

דער געדאנק האט מיר זייער געפאַלן, און איך האב באשלאסן אז איך וועל אויספראבירן מיין מזל. איך האב זיך ארויסגעלאזט צום

המשך אין עמוד ד' >

שטאט, זיך אויסצוזוכן א פאסיגן שותף, אבער אויך נאך עטליכע שעה פון ארבעטן שווער צו זוכן א שותף איבערן שטאט, האב איך נישט געפינען א פאסיגן מענטש דערצו.

זעענדיג דער מצב, בין איך אריינגעגאנגען טיף אין װאלד װאס האט זיך געפינען ביים עק שטאט, און מיט א צובראכן הארץ און הייסע טרערן, האב איך אויסגעגאסן מיין הארץ פארן אויבערשטן. איך בין דארט געשטאנען און מתפלל געווען, מאכנדיג 'פלילות' מיטן באשעפער. איך האב זיך געשטארק איינגעבעטן מיט תפילות און תחנונים, זיך בעטנדיג ביים אויבערשטן, ביז איך האב זיך אוועקגעשטעלט מיט א שטארקייט און איך האב געזאגט: רבונו של עולם! איך האב נישט געפינען קיין פאסיגערן שותף ווי דו אליין! לאמיר מאכן א 'שותפות' צווישן אונז, ווייל עס שטייט דאך אין פסוק "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו, לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ וגו'" (תהלים קמה, יט).

און איך האב אויסגעשטעלט דעם סדר אינעם שותפות, אזוי זיך איינ'טענה'נדיג מיטן אויבערשטן, אז פון יעדן פארדינסט וואס איך וועל פארדינען ביי מיין ארבעט, וועל איך תיכף אפשיידן האלב דערפון פאר השי"ת און עס צוטיילן צו צדקה, און איך האב עס אפגעשריבן אין א געהעריגן הסכם צווישן מיר און דעם כביכול אליין, ברוך הוא.

צו מיין גרויסן וואונדער, פון ווען איך האב אונטערגעשריבן דעם שותפות אפמאך, וועלכע האט ברוך ה' ארויסגעגעבן זייער גוטע פירות, און די הצלחה האט מיר אנגעהויבן צו שיינען – האב איך פלוצלונג געזען, אז אלע מיינע ברכות וואס איך בענטש אידישע קינדער, ווערן פולשטענדיג מקוים מיטן אויבערשטנ'ס הילף, און כאטש איך ווייס נישט און איך פארשטיי נישט די סיבה דערצו, וועל איך אבער דערפאר זיך נישט צוריקהאלטן פון ווינטשן אידישע קינדער. און אזוי קומען אן צו מיר פארשידענע פארלאנגען פאר ישועות, און איך ווינטש זיי אן לויט זייער פארלאנג, און איך בין מתפלל פארן אויבערשטן אז די ברכות זאלן מקוים ווערן – האט דער איד אויסגעפירט זיין דערציילונג.

ווען דער צדיק האט דאס געהערט, האט זייך געזיכט אויפגעשיינט. און ער האט ערקלערט: אויב דאס איז די מעשה, איז עס דאך א קלארע און פשוט'ע הלכה – שֻׁתָּף, מַה שֶּׁעָשָׂה עָשׂוּי! נאכמער דערפון פסק'נט דער סמ"ע אין חושן משפט (סי' קע"ו ס"ק ע"ט) אז א שותף קען טון אלעס וואס עס זעט אים אויס אז עס וועט זיין א תועלת פאר די שותפות, און יעדער איינער פון די שותפין קען טון דערין לויט זיין פארשטאנד [זע שו"ת **שואל ומשיב** מהדורה קמא (ח"ב סי' י) וועלכער איז מאריך אין דעם]. ממילא, אליך א שותף צו מעשי בראשית קענט איר טון אין די שותפות און ברענגען די ישועה פאר די וועלכע דארפן עס.

דער הייליגער אפטער רב האט זיך צוריקגעקערט למעון קדשו, און האט געזאגט צו זיינע מענטשן אז מען קען רואיגערהייט געניסן פון די וואונדערליכע ברכות פונעם קרעטשמער, ווייבאלד דער מקור פון זיינע ברכות איז אינגאנצן מצד הקדושה, און מען דארף איבערהויפט נישט מורא האבן, ווייל כאטש ער איז א פשוט'ער מענטש, איז ער אבער א שותף צום קוֹנֵה שָׁמַיִם וָאָרֶץ, און ביי א שותף ווייסן מיר דאך אז מַה שֶּׁעָשָׂה עָשׂוּי!

**דער געוואלדיגער מוסר השכל וואס קומט ארויס דערפון איז, אז מען זאל חלילה נישט פארגעסן אפילו אר א רגע, דער שורש און מקור פון יעדע ברכה, אז עס קומט פונעם מלך העולם, וואס ער אליין איז דער תַּקִּיף וּבַעַל הַיְּכֹלֶת וּבַעַל הַכֹּחוֹת כּוּלָּם. און מיר זאלן שטענדיג גיסן אונזערע תפילות פארן אויבערשטן פאר יעדער זאך, וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ.**

***

אן ענדליכע מעשה דערצו, איז פארגעקומען בַּחֲצַר קָדְשׁוֹ פונעם הייליגן רוזשינער, **הרה"ק רבי ישראל זצוק"ל**, ווען עס איז געקומען צו אים א חשוב'ער רב און תלמיד חכם, וועלכער איז באוואוסט געווארן אליך א 'מומחה' פאר קְמֵעוֹת, זייענדיג א גרויסער בקי אין אלע ערליי אנגענומען סִפְרֵי סְגֻלּוֹת, און ער פלעגט פארטיילן פארשידענע 'קמיעות' און סגולות, לויט די ישועה וואס מען האט געבעטן פון אים.

ווען דער איד איז אריינגעקומען אֶל הַקֹּדֶשׁ פְּנִימָה, האט דער רבי אנגעהויבן שמועסן מיט אים וועגן זיין ארבעט, און איבער געוויסע סגולות אויף פארשידענע ענינים. אזוי רעדנדיג מיט אים, האט ער באמערקט אז ווייבאלד ער האט זיך אזויפיל באשעפטיגט מיט זיינע קמיעות און סגולות האט ער זיך שוין באצויגן דערצו ווי מעדעצינען... ווי דער שטייגער פונעם דאקטער און פראפעסאר, וועלכער נעמט ארויס פונעם בוך די רעצעפט לויט די קרענק, און אזוי אויך שטעלט דער מענטש צו די סגולה און קמיע לפי הענין...

דער דאזיגער שטייגער האט נישט אויסגענומען ביים צדיק, עס האט אים נישט געפאָלן דער באציאונג, ווייבאלד מיט דער צייט האט יענער רב, און אויך די אידן וועלכע זענען געקומען צו אים, אנגעהויבן זיך צו באציען צו די סגולות וואס זענען אנגענומען ביי לעכטיגע אידישע קינדער, ווי עס וואלט געווען א געווענליכער רעצעפט, און מען האט פארגעסן זיך צו ווענדן און ארויסקוקן צו אונזער טאטע אין הימל...

האט דער הייליגער רבי אנגעהויבן רעדן מיט אים וועגן '**אמונה פשוטה**', ערקלערנדיג אז מיר דארפן דאך אריינטראפן די לויטערע אמונה אין אידישע הערצער, און זיי מקרב זיין מיט תשובה געדאנקען, אז אלע אידן זאלן זיך צוריקקערן צו השם יתברך. דערביי האט ער אים געגעבן צו פארשטיין, אז דעפאר האבן די גרויסע צדיקים און מייסדי החסידות לדורותיהם זיך געפירט, אז זיי פלעגן פועל'ן וואונדערליכע ישועות און רפואות און מופתים, ווען דערביי איז זייער הויפט כוונה געווען אז דורכדעם וועלן זיי דערנענטערן אידן צו אהבת השי"ת, אהבת התורה און אהבת ישראל, און אז מען זאל זיין צוגעוואוינט צו דערמאנען שטענדיג שֵׁם שָׁמַיִם, און ווערן נאנט מיט **קִרְבַת אֱלֹקִים**.

"אבער פארוואס זאלן מיר נישט העלפן אידישע קינדער וועלכע מוטשען זיך, מיטן הילף פון אט די קמיעות און סגולות"? – האט דער איד געפרעגט.

האט אים דער הייליגער רוזשינער געענטפערט: אייגנטליך זענען געווען אסאך צדיקים וועלכע גע'פועל'ט ישועות פאר אידן, מיטן כח פון תפילה אליין! אן קיין שום סגולה אדער קמיע! נאר פשוט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ פארן קעניג פון דער וועלט!

דא האט דער איד ווייטער גע'טענה'ט, אז מיר געפינען דאך ביי תפילה, אז די הייליגע חז"ל זענען מעיד (ויקר"ר י, ה) אז עס מאכט נאר 'העלפט', און די אנדערע העלפט בין איך משלים מיטן קמיע אדער סגולה!...

האט זיך דער צדיק צושמייכלט און געזאגט: אויך דערפאר האב איך א פשוט'ע עצה. צום ערשט בין איך מתפלל איין תפילה, און דאס פועל'ט א האלב, און דערנאך בין איך מתפלל נאך א תפילה און דאס פועל'ט שוין אויך די אנדערע האלב... קומט אויס אז מען האט שוין א גאנצע ישועה פון אנהייב ביזן סוף, און עס איז נאר געקומען דורכדעם וואס מען האט אויפגעהויבן די אויגן צום טאטן אין הימל, און אונזערע ליפן זענען פול מיט תפילה צו יעדער צייט!

**אויך איז באוואוסט דער מַאֲמַר הָעוֹלָם: "תְּפִלָּה עוֹשָׂה מֶחֱצָה"** – תפילה מאכט 'העלפט' – האלב, אבער **העלפט** מיינט אויך אז די תפילה **העלפט** – טוט אויף, **עוֹזֵר וּמוֹשִׁיעַ!**





די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין · באשטעלט · דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!


יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173